בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**וירא**
**כ' מרחשון תשפ"ד**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:13 |
| מוצש"ק | 5:25 |
| ר"ת | 6:04 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 7:54 | סוז"ת א' | 9:04 |
| סוזק"ש ב' | 8:40 | סוז"ת ב' | 9:34 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': נ"ד
שנה ב'

## טיב הפרשה

# אין די טריט פון די הייליגע אבות

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר די פסוק פון 'כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט למען הביא ה' על אברהם את אשר דבר עליו'.

רש"י אויפ'ן ארט איז מדייק די ווערטער 'כי ידעתיו' און זאגט אז עס איז א לשון חיבה און ער שמועסט דארט אויס אז דער רבוש"ע האט ליב געהאט אברהם אבינו, 'למען אשר יצוה את בניו', ווייל אברהם אבינו האט באפוילן זיינע קינדער אז זיי זאלן גיין אין דעם דרך ה'.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די ווערטער זעט מען א מורא'דיגע זאך. מיר ווייסן דאך אז השי"ת האט מנסה געווען אברהם אבינו מיט צען נסיונות, מיט אן עקידה, אבער מיט דעם אלעם טרעפט מען נישט אין ערגעץ די נקודה ווי הקב"ה דרוקט זיך אויס פאר אברהם אבינו מיט א לשון חיבה נאר דא, און דאס איז צוליב די דערמאנטע סיבה, ווייל ער האט מחנך געווען זיינע קינדער אויפ'ן ערליכן וועג.

די נקודה לערנט אונז אויך אויס ווי חשוב עס איז ביים באשעפער אז מיר זאלן מחנך זיין גוט און ריכטיג אונזערע קינדער, אבער מיר דארפן וויסן אז כדי צו קענען גוט און ריכטיג מחנך זיין אונזערע קינדער מוזן מיר אריינלייגן קאפ און מח און טראכטן עצות און וועגן ווי אזוי מחנך צו זיין די קינדער, ווייל חינוך פאדערט פון אונז אסאך מח און מחשבה און נאר אזוי וועלן מיר קענען גוט מחנך זיין אונזערע קינדער.

א גוטער אדרעס פון וואו ארויסצונעמען גוטע יסודות אין חינוך, טרעפן מיר אין דער מדרש שיר השירים אויף די ווערטער 'הגידה לי שאהבה נפשי איכה תרעה, איכה תרביץ בצהרים, שלמה אהיה כעטיה על עדרי חבריך' [שיר השירים א. ז.].

רש"י אויפ'ן ארט געבט צו פארשטיין די שטיקל אז כנסת ישראל זאגט פאר זיי ווי א פרוי צו א מאן – הגידה לי שאהבה נפשי איכה תרעה – אז דער ליבהאבער פרעגט פאר זיין באליבטן ער זאל אים זאגן וואו גייט ער פאשענען די שאף? ווייל עס איז דאך ווי א שעפעלע צווישן וועלף. און ער פרעגט ווייטער 'איכה תרביץ בצהריים' וואו וועסטו זיי מאכן רוען אין גלות [ווייל תרביצם גייט ארויף אויפ'ן גלות] ווען עס וועט זיין אן עת צרה ליעקב? און הקב"ה ענטפערט פאר'ן כנסת ישראל 'אם לא תדעי לך היפה בנשים, צאי לך בעקבי הצאן ורעי את גדיותיך על משכנות הרועים', און ווי רש"י געהט צו פארשטיין זאגט הקב"ה פאר כנסת ישראל אז די עצה צו

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### באשר הוא שם

**אויב איך וואלט געוואוסט!** וויפיל מאל זאגן מיר 'אויב איך וואלט געוואוסט', וואלט איך אנדערש געטראכט, אנדערש זיך געפירט, אנדערש גערעדט, א.א.וו. וויפיל מאל האבן מיר זיך געאיילט דן צו זיין אן אנדערן און ארויסגעבן אויף אים א פאלשן אורטייל, און נאר נאכדעם איז קלאר געווארן פאר אונז אז מיר האבן א טעות געהאט, און דעמאלטס זאגן מיר מיט ווייטאג דעם באקאנטן זאץ: אויב איך וואלט געוואוסט! איינמאל און נאכאמאל זעט דער מענטש אז ער האט א טעות געהאט און ער האט געגרייזט מיט זיין מחשבה, מיט זיין רעדן און מיט זיין בליק אויף אן אנדערן, נאר ווייל ער האט געטראכט און באשלאסן זאכן לויט דאס וואס ער האט געזען און פארשטאנען אויף די מינוט.

לאמיר זיך פאָרשטעלן אז מיר וואלטן געווען בעלי רוח הקודש, וואלטן מיר געקענט אריינגיין אין שפיטאל, וואו עס געפינען זיך אלע קליינע קינדער וועלכע זענען נארוואס געבוירן געווארן, און מיר וואלטן געקענט 'אורטיילן' די קינדער לויט ווי אונזערע אויגן זעען – דער וועט זיין א צדיק און איז ווערד צו לעבן, און דער וועט זיין א רשע ח"ו און איז נישט ווערד צו לעבן (חס ושלום)?

אין די פרשה פון די וואך, לערנט אונז די תורה הקדושה אן אנדערע וועג, און דאס איז, אז מיר זאלן מלמד זכות זיין אויף יעדן מענטש, און נישט דן זיין מענטשן לויט וואס אונזערע אויגן זעען, און אפילו אויב דאס איז אן אמת'ע און רוחניות'דיגע בליק, אזוי ווי מיר זעען אין די פרשה, "כִּי שָׁמַע אֱלֹקִים אֶל קוֹל הַנַּעַר בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם", און רש"י ערקלערט אז דאס מיינט אז דער אויבערשטער איז אים דן לויט זיינע יעצטיגע מעשים און נישט לויט דאס וואס ער וועט שפעטער טון, ווייל די מלאכי השרת האבן מקטרג געווען אויף ישמעאל און האבן געזאגט: רבונו של עולם, דער וועלכער וועט הרג'נען דיינע קינדער מיט דארשט, טוסטו ארויפברענגען פאר אים א ברונעם? און דער אויבערשטער האט זיי געענטפערט: וואס איז ער יעצט, א צדיק אדער א רשע? האבן זיי געזאגט: א צדיק. האט ער זיי געזאגט: **איך בין אים דן לויט זיינע יעצטיגע מעשים, און דעריבער שטייט "בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם".**

זעען מיר פון דעם, אז כאטש עס איז גלוי וידוע פארן אויבערשטן אז ישמעאל גייט ארויסגיין צו א שלעכטע פירונג, און זיינע קינדער וועלן הרג'נען די אידישע קינדער מיט דארשט, פונדעסטוועגן האט אים דער אויבערשטער דן געווען לכף זכות, וואס זאלן אונז שוין זאגן, וואס מיר קענען נישט זען דאס וואס איז באהאלטן פון אונז, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'הָאָדָם יִרְאֶה לַעֵינַיִם וַה' יִרְאֶה לַלֵּבָב', דארפן מיר דאך אוודאי דן זיין יעדן איינעם לכף זכות, און זיך אנשטרענגען צו זוכן זכותים פאר יענעם אויך ווען דאס איז פארקערט ווי דאס וואס אונזער געדאנק זאגט אונז.

**און דורכדעם וואס מיר וועלן דן זיין יעדן איינעם לכף זכות, וועט מען אונז אויך דן זיין אין הימל לכף זכות, ווייל "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד – מוֹדְדִין לוֹ".**

(עפ"י טיב התורה – וירא)

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים אויף
קבלת קהל און שיחות
0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

בלייבן אפגעהיטן צווישן די פעלקער איז דער 'צאי לך בעקבי הצאן', אז אויב מען איז זיך מתבונן אין די וועגן פון די פריערדיגע, מען גייט אין די וועג פון די אבות הק', דורכדעם איז מען זוכה צו ווערן אפגעהיטן פון אלעס שלעכטס.

פון דעם דין ודברים וואס כנסת ישראל האט מיט הקב"ה לערנט מען ארויס א מורא'דיגע זאך. דער רבוש"ע ענטפערט פאר'ן כלל ישראל אז די שליסל וויאזוי א איד וויל בלייבן אפגעהיטן אין גלות איז אז מען זאל זיך מתבונן זיין אין די וועגן פון אונזערע אבות הק' און זיך נישט אוועקרוקן פון זיי, ווייל נאר אז מען וועט זיך האלטן צו זיי, וועט מען קענען בלייבן אפגעהיטן אין די שווערע גלות'ער, און דאס דארף זיין די יסוד היסודות ביי אונזער חינוך הבנים, אז מיר זאלן נאכפארשן און דערגיין די וועגן פון אונזערע אבות, ווייל נאר אז מיר וועלן גיין אין זייערע וועגן וועלן מיר מצליח זיין אין חינוך הבנים.

ווען מיר וועלן אריינטראכטן אין די וועגן פון אברהם אבינו וועלן מיר טרעפן אז ביי אברהם אבינו איז געווען שטארק די מידה פון חסד. דער חסד וואס א איד טוט קומט פון ליבשאפט, און די נקודה שפיגלט זיך אפ א גאנצער צייט אין די עבודה פון אברהם אבינו. יעדער זאך וואס אברהם אבינו האט געטון איז געקומען מתוך אהבה. אז ער האט געדארפט ארויסגיין צו די עקידה איז ער אויפגעשטאנען פרי, ער האט אליין אנגעזאטעלט די זאטעל, ארויפגעלייגט די העלצער און אלעס האט ער געטון מיט אהבה, ווייל די מצוה האט געברענט אין אים.

אויך די עצם מצוה פון די עקידה איז געקומען פון אהבה. וויפיל אברהם אבינו האט ליב געהאט זיין קינד יצחק האט ער געהאט א גרעסערע אהבה צו הקב"ה, און דאס האט ער ארויסגעוויזן ביי די עקידה און דאס האט ער מנחיל געווען פאר זיינע קינדער ווייטער און ווייטער.

די נקודה דארף א איד ווייזן פאר זיינע קינדער. ביי א איד דארף זיין א גלוסטעניש צו עבודת השם. אלעס וואס ער טוט זאל געטון ווערן מיט א קאך, מיט א פייער. אז א קינד זעט דאס וועט ער ווערן איבערגענומען פון די פייער וואס עס הערשט ביי א איד, און ער וועט וועלן גיין אין די וועגן.

חז"ל זאגן אונז אין מסכת שבת [דף קל] תניא, רבן שמעון בן גמליאל אומר: כל מצוה שקיבלו עליהם בשמחה כגון מילה, דכתיב (תהלים קיט) שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב, עדיין עושין אותה בשמחה, און די נקודה איז אויך א חלק פון די דערמאנטע נקודה, ווייל א מצוה וואס מען מאכט מיט שמחה, גייט בעסער אריין אין די ביינער, די קינדער זען די שמחה ביים טאטן און זיי ווערן נאכגעשלעפט נאך די שמחה און ווילן עס נאכמאכן, און עס בלייבט זיי אזוי אויף אייביג.

אויך ווען עס קומט צו רעדן פון די יום טוב שבועות דערציילן אונז חז"ל [פסחים סח] וויאזוי רב יוסף האט געפראוועט א מתן תורה און אז ער האט געלאזט שעכטן אן עגלא תליתאי, א דריטע קעלבל, און אויסגערופן דעם באקאנטן 'אי לאו האי יומא דקא גרים כמה יוסף איכא בשוקא'.

עס איז פשוט אז רב יוסף האט נישט אליין אויפגעגעסן א גאנצער קאלב, און אז די גמרא דערציילט נישט סתם אזוי די מעשה נאר ווייל עס איז דא אין איר א שטארקער לימוד.

חז"ל ווילן מיט דעם דערציילן די גרויסע חביבות וואס רב יוסף האט געהאט פאר די תורה און וויאזוי ער האט די חביבות ארייגעברענגט אין זיינע קינדער און געמאכט א סעודה פאר די גאנצע שטוב, ווייל מיט דעם האט ער געוואלט מנחיל זיין פאר זיינע קינדער די געדאנק פון שמחה און וועגן דעם האט ער געמאכט אזא גרויסע שמחה.

מיר לערנען זיך ארויס פון דעם דער געדאנק אז דער בעסטער וועג פאר א איד מחנך צו זיין זיינע קינדער אויפ'ן אמת'ן און ריכטיגן וועג איז מיט'ן ארייגברענגען אין זיי שמחה און צופרידנקייט, ווייל מיט די מידות בויעט זיך א קינד ריכטיג און עס בלייבט ביי אים איינגעקריצט אויף אייביג.

זאל השי"ת העלפן אז מען זאל זוכה זיין דערצו און קענען מגדל זיין די קינדער ערליך און מתוך שמחה של מצוה.

טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## אַן אבידה פאר אַן אבידה

נאך א שטיק צייט וואס איך בין געשטאנען אין שפיץ פון א לאקאלע בוך לייבערי (ביבליאטעק/ספריה) האב איך איין טאג דערהאלטן א טעלעפאן-רוף פון א אידישע פרוי וואס וואוינט אין צפת און זי דערציילט מיר אז זי האט געטראפן א געוויסער ספר פון אונזער לייבעריי און זי וויל עס אפגעבן.

זי האט זיך אינטערעסירט ביי מיר צי איך האב אפשר א שליח פון צפת קיין ירושלים עיה"ק.

וויסנדיג אז מיין משפחה מיטגליד קומט פון צפת קיין ירושלים, האב איך פארבינדן צווישן זיי ביידע און די פארלוירענע בוך איז צוריק אנגעקומען צו די לייבעריי.

דערהאלטנדיג דעם ספר האב איך געזען אז עס געהער צו א צווייטער ברענטש פון אונזער לייבעריי.

איך האב זיך פארבינדן צו יענע לייבעריי, אבער אין די זעלבע צייט בין איך געווארן נייגעריג פארוואס עפעס איז זי אנגעקומען צו מיר? אין די בוך איז געשטאנען אונזער נאמען אבער עס האט נישט געהאט אין איר א טעלעפאן נומער, אזוי אז עס איז געווען אוממעגליך אז מען זאל קענען פארבינדן צווישן מיר און די לייבעריי.

פון וואו דען האט זי געקענט האבן מיין נומער? איך בין געווארן נייגעריג, איך האב זיך פארבינדן מיט יענעם און געפרעגט מיין פראגע.

שטעלנדיג די פראגע האט זיך דערקענט א געוויסער עקסטאז אין איר שטומע. זי האט באשטעטיגט וואס איך האב שוין געטראכט פריער, אז עס איז ווארשיינליך נישט געווען גרינג אנצוקומען צו מיר.

"דער ספר ליגט שוין ביי אונז א יאר צייט. מערערע מאל האבן מיר פראבירט צו טרעפן פון וואו עס קומט, אז מיר זאלן עס קענען אפגעבן, אבער מיר האבן נישט געטראפן די נומער. זעענדיג אז עס גייט נישט צו אנטדעקן צו וועמען עס געהער, האב איך עס געלייגט אין א זייט און עס איז כמעט ארויסגעפלויגן פון מיין קאפ".

עס איז אזוי געלעגן זייטיג, ביז איין טאג ווען מיין קינד איז אהיימגעקומען פון חדר. אין זיינע הענט האט ער געהאלטן א בוך וואס ער האט ארויסגענומען פון די לאקאלע לייבעריי אין צפת. דער קינד האט געליינט דעם בוך און גייענדיג זיך שפילן אין די לאקאלע שטאטישע גארטן, האט ער איבערגעלאזט דארטן דעם בוך, אבער צוריקגייענדיג דארט איז שוין דער בוך נישט געווען דארט.

טראכטנדיג אזוי וואו עס קען זיין און ווער איז פונקט דעמאלטס געווען אין די שטאטישע גארטן האב איך זיך דערמאנט פון צוויי קליינע קינדער, אבער ארייטראכטנדיג אביסל טיפער האב איך זיך מתבונן געווען מיט אן אמונה בליק פארוואס עס קומט מיר, און איך האב זיך דערמאנט אז איך האלט שוין ביי מיר אין שטוב א ספר מער ווי א האלבער יאר און אפשר איז דאס א דערמאנונג פון הימל.

אבער וויאזוי וועל איך אנקומען צו יענעם? איך האב זיך געוואנדערט צו מיר אליין? דער רבוש"ע האט אויפגעבליצט ביי מיר די געדאנק פון ארייקלינגען אין די צענטראלע טעלעפאן-אינפארמאציע ליניע און פרעגן פאר די נומער.

עס איז געווען עטליכע נומערן, אבער איך האב פראבירט די ערשטע נומער און איך בין אנגעקומען צו די ריכטיגע אדרעס.

הערנדיג דאס בין איך געווארן נייגעריג וויאזוי עס האט זיך אויסגעקאכט ביי איר די צווייטע זייט.

"ווי געזאגט האב איך זיך דערמאנט אז עס איז געווען אין גארטן די צוויי מיידלעך. איך האב באשלאסן אז איך גיי אריבערגיין צו זיי. איך וואוין אויף א הויכער שטאק, יענער טאג האט די עלעוועיטער נישט געארבעט, איך בין אראפ צופוס און אזוי גייענדיג זעה איך פאר מיר די צוויי מיידלעך".

איך האב זיי געפרעגט צי זיי האבן אפשר געטראפן די ספר. זיי האבן געזאגט אז יא און עס מיר געגעבן אויפ'ן ארט.

איך האב געזען ווי פון הימל האט מען מיר געוואלט דערמאנען אז איך זאל וויסן אז מען מוז אפגעבן זאכן פאר אנדערע.

[דערציילט דורך די בעלת המעשה: ב.ל.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

## אִמְרִי לִי אָחִי הוּא

**"וַיְהִי כַּאֲשֶׁר הִתְעוּ אֹתִי אֱלֹקִים מִבֵּית אָבִי, וָאֹמַר לָהּ זֶה חַסְדֵּךְ אֲשֶׁר תַּעֲשִׂי עִמָּדִי, אֶל כָּל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר נָבוֹא שָׁמָּה, אִמְרִי לִי אָחִי הוּא"** כ, יג

דער הייליגער רמב"ן ז"ל (אנהייב פרשת לך - יב, ו) לערנט אונז אויס א וויכטיגע כלל אין די אלע פרשיות, וועגן די מעשי אבות וואס ווערן דערציילט אין די תורה הקדושה, און ער שרייבט ווי פאלגנד: איך וועל דיר זאגן א כלל, וואס דו זאלסט עס פארשטיין אין אלע קומענדיגע פרשיות, אינעם ענין פון אברהם יצחק ויעקב. דאס איז א וויכטיגער ענין, וואס חז"ל האבן עס דערמאנט אין קורצן, זאגנדיג (תנחומא ט): **כָּל מַה שֶּׁאֵרַע לָאָבוֹת סִימָן לַבָּנִים!** דעריבער ווערט דערציילט באריכות אין די פסוקים וועגן די וואנדערונגען, און דאס גראבן די ברונעמס, און די אנדערע געשעענישן, און דער וואס לערנט די פסוקים וואלט געקענט מיינען, כאילו דאס זענען איבעריגע רייד און האבן נישט אין זיי קיין תועלת. דער אמת איז אבער, אז זיי אלע קומען לערנען אויפן עתיד, ווייל ווען עס איז עפעס געשען פארן נביא, וועלכער איז איינער פון די דריי אבות, האט ער אריינגעטראכט און געזען פון דעם דאס וואס עס איז נגזר געווארן צו קומען פאר זיינע קינדער, ביז אהער פונעם הייליגן רמב"ן.

לויט דעם יסוד ווערט ערקלערט אין די ספרי החסידות, די פסוקים ווי אברהם אבינו ע"ה גייט אין גלות קיין מצרים, און ווי ער בעט פון שָׂרָה אִמֵּנוּ: **"אִמְרִי לִי אָחִי הוּא"**! אז אויך דא איז חלילה נישטא קיין איבעריגע ווערטער וועלכע האבן נישט קיין תועלת, נאר, ביי יעדעווארט איז דא א סימן פאר די קינדער און א לימוד פאר די קומענדיגע דורות, וויאזוי אידישע קינדער זאלן זיך קענען האלטן אינעם ביטערן גלות.

און דער לימוד וואס 'די קינדער', דאס מיינט מען די קומענדיגע דורות, דארפן זיך לערנען פון אט דעם פסוק, איז אזוי: **"וַיְהִי כַּאֲשֶׁר הִתְעוּ אֹתִי"**, דאס הייסט אז ווען די אידן וועלן בלאנדזשען אינעם שווערן גלות, **"וָאֹמַר לָהּ"**, זאגן מיר צו די שכינה הקדושה, וואס איז מרומז אין 'שרה': **"זֶה חַסְדֵּךְ אֲשֶׁר תַּעֲשִׂי עִמָּדִי"**, דאס מיינט אז מיר בעטן פון די שכינה הקדושה, אז זי זאל משפיע זיין חסדים טובים פארן אידישן פאלק.

און דורך וואס וועט די השפעה פונעם חסד קענען נתעורר ווערן אויף אונז? דורכדעם וואס **"אֶל כָּל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר נָבוֹא שָׁמָּה"**, צו יעדן ארט וואו מיר וועלן אנקומען זייענדיג אין גלות, **"אִמְרִי לִי אָחִי הוּא"**, זאלן מיר זיך מיט ברודערליכקייט איינער מיטן אנדערן, און זיך פירן מיט גרויס ליבשאפט, אזוי אז יעדער איינער זאל קלאר ארויסגעבן זיין ליבשאפט צו זיין חבר זאגנדיג **"אִמְרִי לִי אָחִי הוּא"**! און דורכדעם וועט זיין אלע ערליי השפעות פון גוטס און חסדים פאר אידן (דברי בינה).

אויפן זעלבן וועג ווערט אויך ערקלערט דער פסוק וואס שטייט אין די פריערדיגע פרשה, פרשת לך (יב, יג): **"אִמְרִי נָא אֲחֹתִי אָתְּ"**! לְמַעַן יִיטַב לִי בַעֲבוּרֵךְ, וְחָיְתָה נַפְשִׁי בִּגְלָלֵךְ". – ווען דו וועסט אנטפלעקן די ברידערליכקייט מיט אן אפענע ליבשאפט, און דו וועסט זאגן בְּפֶה מָלֵא "אֲחֹתִי אָתְּ", דעמאלטס **'יִיטַב לִי בַעֲבוּרֵךְ'**, וועט מיר זיין גוט וועגן דיר, ווייל דאס איז ממשיך אלע שפע פון גוטס און חסד פאר די אידן, און דער דין ווערט איבערגעדרייט אויף רחמים, **'וְחָיְתָה נַפְשִׁי בִּגְלָלֵךְ'**!

דעריבער בעט זיך יעדער אידיש קינד: **"אִמְרִי לִי אָחִי הוּא"**! איך בעט דיר, זאג ארויס קלאר **"אָחִי הוּא"**! טו אנטפלעקן די ליבשאפט אויף א קלארער וועג! און נישט אזוי ווי די וואס מיינען אז עס איז גענוג אז אין הארץ איז דא "אהבת ישראל", און טיף אין הארץ האט ער ליב אן אנדער איד... נאר מען דארף קלאר ארויסווייזן די ליבשאפט צום צווייטן, און אים דערנענטערן מיט ליבליכע און איבערבעטנדע רייד.

אזוי ווי דער אוֹהֲבָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל הרה"ק רבי לוי יצחק בארדיטשובער זצוק"ל זי"ע [וואס ווערט געברענגט אין ספה"ק תפארת עוזיאל (שיר השירים) וואס ער האט עס געהערט מפי קדשו], אויפן פסוק (שיר השירים א, ז) "הַגִּידָה לִי שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי" – זאג ארויס פאר מיר קלאר אז דו האסט מיר ליב! און טו עס נישט באהאלטן אין די טיפענישן פון דיין הארץ...

->•<-

עס האט מיר דערציילט אבי מורי הגאון זצ"ל, א וואונדערליכע מעשה צו וועלכע ער איז אליין געווען אן עדות.

אין זיינע בחור'ישע יארן, איז ער אמאל ארויפגעגאנגען מיט א גרופע פון זיינע חברים, וועלכע זענען געווען אויסגערופענע בחורים, תלמידי חכמים מופלגים, צום הויז פון מרן הראב"ד הגאון הצדיק רבי זעליג ראובן בענגיס זצ"ל בעמ"ס לפלגות ראובן, כדי זיך צו פארהערן ביי אים אויף די מסכתות **בבא מציעא, גיטין, קידושין**, גפ"ת ישר והפוך!

די חשוב'ע בחורים האבן זיך געשטעלט צו די שווערע בחינה, נאכן איבער'חזר'ן די מסכתות פילצאליגע מאל, שוין פאר לאנגע חדשים פארן פארהער האבן זיי שוין ווייניג געשלאפן, און פאר טעג און נעכט האבן זיי גע'חזר'ט די בלעטער גמרא רש"י תוספות, ביז די סוגיות זענען שוין געווען קלאר ביי זיי, אזוי ווי חז"ל זאגן (קידושין ל.): "וְשִׁנַּנְתָּם (דברים ו, ז), שֶׁיְּהוּ דִּבְרֵי תוֹרָה מְחֻדָּדִים בְּפִיךָ! שֶׁאִם יִשְׁאַל לְךָ אָדָם דָּבָר אַל תְּגַמְגֵּם וְתֹאמַר לוֹ, אֶלָּא אֱמוֹר לוֹ מִיָּד"! אז פון די ווארט "וְשִׁנַּנְתָּם" לערנען מיר ארויס, אז די ווערטער פון די תורה זאל זיין קלאר און שארף אין אונזער מויל! אז אויב איינער פרעגט דיר עפעס, זאלסטו נישט שטאמלען איידער דו ענטפערסט אים, נאר דו זאלסט אים קענען גלייך ענטפערן!

עס איז אבער געווען איין בחור אין די גרופע, וועלכער איז געווען פון די שוואכערע בחורים אין ישיבה, און לויט די קלוגע עצה פון זיינע רבי'ס, האט ער זיך אנגעשלאסן אין די קבוצה, כדי אים צו דערהייבן און מחזק זיין, און אים געבן דעם געפיל אז ער ווערט אויך גערעכנט צווישן די מצויינים פון די ישיבה, און ער שטעלט זיך צום גרויסן פארהער ביים רב! טראצדעם וואס זיינע ידיעות און באהאוונטקייט אין די מסכתות איז געווען גאר שוואך, קליין גערעדט...

פארן גרויסן גאון האט מען דאס געלאזט וויסן פון פאראויס, דורך איינער פון די רבנים פון די ישיבה, און ער איז געווען גרייט דערצו, אז דער בחור פלוני דארף מען פארהערן אויף אן אנדערן אופן...

ווען די גרופע בחורים איז אריינגעקומען ביים רב אינדערהיים, האט זיי דער רב זייער שיין אויפגענומען, און האט זיי אנגעהויבן צו פארהערן אין די מסכתות וואס זיי האבן געלערנט, אויף די לענג און אויף די ברייט, מיט גרויס חריפות, און איז געווען זייער צופרידן פון זייערע פילע ידיעות און בקיאות אין אלע סוגיות הָדֵק הֵיטֵב.

ווען עס איז געקומען צו פארהערן דעם אויבנדערמאנטן בחור, האט ער זיך באצויגן צו אים נאטורליך, פונקט ווי צו די אנדערע בחורים, נאר מיט זיין געוואלדיגע חכמה האט ער זיך גלייך אן עצה געגעבן, און אים געפרעגט א גרינגע שאלה, וועלכע ער האט פאָרגעשטעלט אזוי ווי א הארבע און שווערע פראגע!

דאס איז געווען אין מסכת בבא מציעא אין פרק המפקיד, ביי די סוגיא וואו די גמרא (דף ט"ל ע"א) איז דן אינעם פשט פונעם פסוק אין פרשת משפטים (שמות כג, א): "וְהַשְּׁבִיעִת תִּשְׁמְטֶנָּה וּנְטַשְׁתָּהּ". – אט די צוויי ווערטער: "תִּשְׁמְטֶנָּה וּנְטַשְׁתָּהּ" – האט זיך דער רב געוואנדן צו דעם בחור – זענען זייער זעלטן אין ש"ס, און געפינען זיך נישט קיין סאך מאל אין די גמרא. אפשר קענסטו מיר, מיט דיין חכמה און לויט דיינע ידיעות, מיר זאגן וויאזוי מען שרייבט אט די זעלטענע און שווערע ווערטער, און מיר אויך ערקלערן זייער מיינונג?

דאס איז אייגנטליך געווען א גרינגע שאלה, אבער דער וועג וויאזוי דער רב האט עס פאָרגעלייגט מיט זיין קלוגשאפט, זאגנדיג אז עס איז זייער זעלטן אינעם לשון הש"ס... האט עס געמאכט אויסזען ווי א גאר וויכטיגע און טיפזיניגע שאלה!

דער בחור, וועלכער האט זיך די גאנצע צייט געפינען אונטער א געוואלדיגע דרוק, זעענדיג די געוואלדיגע בקיאות פון זיינע חברים, ווי זיי ענטפערן יעדע פראגע אזוי וואונדערליך צו דער זאך, האט זיך שטארק געפריידט הערנדיג די פראגע וואס דער רב האט אויסגעקליבן פאר אים. זיין געזיכט האט אויפגעלויכטן! ער האט זיך אויפגעשטעלט אויף זיין ארט און מיט גרויס חשיבות האט ער אנגעהויבן זאגן קלאר פונקטליך וויאזוי מען לייגט אויס די אותיות פון די צוויי שווערע ווערטער! און האט אויך גוט ערקלערט וואס די ווערטער "תִּשְׁמְטֶנָּה וּנְטַשְׁתָּהּ" מיינען, אז דאס הייסט אַפְקַעְתָּא דְמַלְכָּא, אז דער אויבערשטער האט עס ארויסגענומען פונעם רשות פון דער בעל הבית, און עס מפקיר געווען, אזוי ווי מען לערנט עס אין יענעם סוגיא דארט אין פרק המפקיד, אינעם דין פון "נִכְסֵי נְטוּשִׁים" [פארמעגנס וואס זייער בעל הבית האט זיי געצוואונגענערהייט פארלאזט], און "נִכְסֵי רְטוּשִׁים" [וואס זייער בעל הבית האט זיי פארלאזט ווילנדיג].

ווען דער רב האט געהערט דעם קלארן ענטפער פונעם בחור, האט זיין געזיכט געשטראלט פון גליק. "זייער גוט", האט ער געזאגט צו אים מיט אן אפענע ליבשאפט. "דאס ווייזט אז דו קענסט זייער גוט! וויבאלד דאס זענען גאר זעלטענע ווערטער וואס געפינען זיך נישט אפט, און אויב האסטו געוויזן דיין ידיעה אין אזעלכע ווערטער, קענסטו אוודאי אויך דאס איבעריגע"...

ווען דער לאנגער פארהער האט זיך געענדיגט, און די בחורים זענען צוגעגאנגען צום רב צו באקומען זייער אויסצייכענונג פון אים, האט דער רב געשריבן פאר דעם בחור גאר א שיינע און שטארקע תעודה! דער בחור איז ארויסגעגאנגען פון דארט מיט גאר א געוואלדיגע הרגשה, אז ער איז ארויסגעקומען פונעם גרויסן פארהער ביים ראב"ד גלייך מיט יעדן איינעם... און ער האט אויפגעוויזן אז ער האט אויך מצליח געווען! אויך ער איז דורכגעגאנגען דעם פארהער, ממש ווי יעדן!

דער גרויסער מעמד פונעם פארהער איז טיף אויסגעקריצט געווארן אינעם הארץ פונעם בחור, וויבאלד עס איז שוין געווען עטליכע יאר וואס ער האט זיך ארומגעדרייט מיט אן אינערליכע 'יאוש' רח"ל, זיך אנקוקנדיג ווי איינער וועלכער קען קיינמאל נישט מצליח זיין, און טיף אין הארץ האט ער שוין אפילו געפלאנט אפצולאזן דעם לערנען... – אבער א דאנק יענעם מעמד, נאכדעם

| המשך אין עמוד ד' |>

וואס ער האט איינגעזען אז ער קען אויך אזוי ווי יעדער איינער, האט ער געטווישט זיינע פלענער און מיט א געוואלדיגע עמל ויגיעה האט ער זיך צוריק אריינגעלייגט אין לערנען, מיט א שטארקן האפענונג צו שטייגן מער און מער אין לערנען.

**דער סוף איז געווען, אז דורך דער געוואלדיגער חיזוק וואס דער בחור האט באקומען אינעם הויז פונעם רב, און פונעם הערליכן תעודה וואס איז אויפגעהאנגען געווארן אין א שיינעם ראם [פרעים] אין דער סאלאן פון זיין הויז! האט ער זיך אינגאנצן אריינגעלייגט אין די תורה הקדושה, ביז ער איז מיט דער צייט געווארן א גרויסער תלמיד חכם!**

מורא'דיג!

[פרטית, כ"ז שבט תשע"ג]

->•<-

הרה"ח רבי שלמה דאווידאוויטש ז"ל, ברודער פון הגה"ח רבי מנחם דאווידאוויטש ז"ל פון די גדולי הסופרים בעיה"ק ירושלים ת"ו, האט אלס בחור משמש געווען ביי הרב בענגיס זצ"ל, און בסוף ימיו פונעם רב איז ער אויך געשלאפן ביי אים אינדערהיים און האט אים באדינט בלב ונפש, און איז געווען זייער באליבט און נאנט ביי אים.

ביינאכט, איידער דער גאון האט זיך אראפגעלייגט שלאפן, בשעת'ן זאגן קריאת שמע שעל המיטה, ווען ער האט אנגעהויבן זאגן דעם נוסח התפילה (מגילה כח.): "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֲרֵינִי מוֹחֵל לְכָל מִי שֶׁהִכְעִיס וְהִקְנִיט אוֹתִי אוֹ שֶׁחָטָא כְּנֶגְדִּי", האט ר' שלמה געהערט ווי דער רב לייגט צו עטליכע ווערטער און ער זאגט: **"חוץ פון זעליג"!**

איין נאכט, האט זיך געמאכט פאר ר' שלמה א שעת הכושר, און ער האט געפרעגט פארן רב, ווער איז אט דער 'זעליג' וועמען דער רב וויל נישט מוחל זיין?

אין אנהייב האט אים דער רב אוועקגעשטופט און פארדרייט דעם שמועס, נישט וועלנדיג אים דאס אנטפלעקן, אבער נאכדעם וואס ר' שלמה האט זיך געבעטן ביי אים עטליכע מאל, האט ענדליך דער רב מסכים געווען דערציילן, און ער האט געזאגט צו אים:

אין מיין יוגנט, האב איך געלערנט אינעם תלמוד תורה וואס האט זיך געפינען אין מיין געבורט־שטאט. אנקומענדיג צו א געוויסן עלטער, זענען געווען צוויי מגידי שיעור פארן זעלבן עלטער, איינער פון זיי האט געהייסן ר' משה, און דער צווייטער מלמד האט געהייסן ר' זעליג.

ר' משה איז געווען א ערפארענער און געלערנטער מגיד שיעור, א תלמיד חכם מופלג בעל שיעור קומה, אבער ר' זעליג איז געווען א נייער און אומערפארענער מלמד.

זעלבסטפארשטענדליך, אז איך האב זייער שטארק געוואלט זיין פון די תלמידים פון ר' משה, דער אויסגערופענער גאון, אבער ר' זעליג האט זייער שטארק געוואלט אז איך זאל לערנען ביי אים, און ער האט שטארק צוגערעדט מיין טאטן זצ"ל אז ער זאל מיר שיקן דווקא צו זיין כיתה, און א דאנק דער גרויסער דרוק וואס ער האט געלייגט אויף מיין טאטע, האט ער מסכים געווען דערצו, און איך בין אריינגעגאנגען לערנען אין די כיתה פון ר' זעליג.




ווען די לערן־יאר האט זיך געענדיגט, איז געקומען דער צייט אז איך זאל אריבערגיין לערנען אין ישיבה גדולה, און איך האב זייער שטארק געוואלט אנגענומען ווערן אין די בארימטע וואלאזשינער ישיבה, וועלכע איז געווען איינס פון די בעסטע און אויסדערוועלטע ישיבות, וואס האט ארויסגעגעבן די גרעסטע תלמידי חכמים פונעם דור, כידוע. אבער אין וואלאזשין האט מען נישט אזוי שנעל אנגענומען יעדן בחור וואס האט אריינגעקלאפט אין איר טיר אז ער וויל דארט קומען לערנען... כדי אריינצוגיין אין וואלאזשין האט מען געדארפט דורכגיין זייערע שווערע 'פארהערן', און נאר די גאר גוטע און די עילויים, וועלכע זענען דורכגעגאנגען די אלע בחינות מיט הצלחה, האבן געקענט אריבערגיין דעם שוועל פון די ישיבה, און ווערן פון אירע תלמידים!

צו מיין גרויסן ווייטאג, צוליב די שוואכע לימודים וואס איך האב געהאט יענעם יאר ביי די כיתה פון ר' זעליג, איז דאס לערנען נישט געווען גענוג אויסגעשארפט ביי מיר, און איך בין עטליכע מאל דורכגעפאלן ביי די בחינות, און מען האט מיר נישט אנגענומען אין ישיבה!

איך האב נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, און איך האב זיך געמוזט אויסדרייען, אוןווארט נאך א גאנצע יאר, כדי צו משלים זיין דאס וואס עס האט מיר געפעלט אין יענעם יאר, און נאר מיט א גאנצע יאר שפעטער ווען איך האב זיך צוריקגעקערט קיין וואלאזשין, האב איך גוט געקענט ביי אלע בחינות, און מען האט מיר אנגענומען אין די הייליגע ישיבה.

נו, האט דער רב אויסגעפירט, דעריבער קען איך נישט מוחל זיין פאר ר' זעליג! וויפיל פעלט מיר אין קנין התורה, וועגן אים! ערשטענס, יענעם יאר וואס ער האט אזוי שטארק געמוטשעט פאר מיין טאטן אז ער זאל מיר שיקן צו זיין כיתה, איז געווען א דורכגעפאלענע יאר... און צוליב דעם האב איך דערלייגט נאך א יאר פון שטארק לערנען און שטייגן אין די תורה אין וואלאזשין, וואו מען ווערט דערהויבן צו נאך העכערע מדריגות אין תורה!

אט די צוויי יאר פעלן מיר זייער שטארק, נאך ביז היינט! מען קען נישט משלים זיין אויף דער עלטער, דאס וואס פעלט פון די יונגע יארן, וועלכע זענען געבענטשט מיט די ספעציעלע מעלה פון "גִּירְסָא דְּיַנְקוּתָא"! (שבת כא:), וויאזוי קען מען מוחל זיין אויף אזא געפערליכער חסרון? – האט דער רב געפרעגט מיט ווייטאג.

"דער ר' זעליג לעבט נאך היינט"? – האט ר' שלמה געפרעגט.

"וואס עפעס? – האט דער רב געענטפערט – ער איז שוין נפטר געווארן מיט אסאך יארן צוריק".

"אויב אזוי" – האט ר' שלמה געזאגט – "איז מן הסתם ווען ער איז אנגעקומען אויבן אויפן עולם האמת, האט ער שוין געזען און פארשטאנען דעם גרויסן עוולה וואס איז געטון געווארן צום רב וועגן אים, און אוודאי אויב ער וואלט דאס געוואוסט ביי זיין לעבן, וואלט ער זיך נישט אזוי געפירט! אויב אזוי, פארוואס איז אזוי שווער פארן רב אים צו מוחל זיין, אויף אזוי ווייט אז ער דארף איבערזאגן קלאר יעדן נאכט 'חוץ פון זעליג'"?

האט אים דער רב געענטפערט, אז ווער עס האט נישט אליין געשפירט אויף זיינע אייגענע נפש דעם געוואלדיגן פארלוסט פון לערנען, וואס שרייט מיטן חסרון אין זיין קנין תורה טאג־טעגליך, דער קען נישט פארשטיין און באגרייפן ווי שווער עס איז צו מוחל זיין דערויף – עס איז פאר מיר, אזוי ווי מען וואלט ח"ו גע'גנב'עט פון דיר א מיליאן דאלער! – האט דער רב דאס געגעבן צו פארשטיין פאר ר' שלמה.

אבער ר' שלמה איז פול געווארן מיט רחמנות אויף ר' זעליג און אויף זיין נשמה: "ווער ווייסט וואס עס טוט זיך דארט ביים דין פון ר' שלמה אויבן, צוליב די קפידה פונעם גרויסן גאון און צדיק, און דער חסרון אין זיין קנין תורה בשלימות ווי עס פאסט פאר אים", האט ער געטראכט ביי זיך, און האט נישט אויפגעהערט זיך צו בעטן און מלמד זכות זיין אויף ר' זעליג, אז ער האט דאס אוודאי נישט געטון פון א שלעכטע הארץ.

ביז איין טאג האט דער רב געזאגט צו ר' שלמה: "וועגן דיר שלמה טו איך עס! וויבאלד איך זע אז עס שאפט דיר אזויפיל צער און עגמת נפש, און דו דארפסט דאך אוודאי נישט ליידן וועגן מיר... בין איך מוחל פאר זעליג בלב שלם"!

און ווירקליך, אין די קומענדיגע טעג, האט שוין ר' שלמה געהערט ווי דער רב זאגט קלאר אין די נעכט: "הריני מוחל לכל מי שהכעיס אותי, **און אפילו פאר זעליג**"!

**דאס קומט אונז לערנען ווי חשוב און טייער איז דאס לערנען תורה אין די בחור'ישע יארן! אז דער גרויסער גאון און צדיק האט עס גערעכנט אזוי ווי א הון רב! – און פון די אנדערע זייט, לערנען מיר ארויס פון דא, דעם געוואלדיגן התגברות פונעם רב אין די ענינים פון בין אדם לחבירו, אז טראצדעם וואס עס איז אים אזוי שווער געווען, האט ער מוחל געווען זעליג בלב שלם, אלס כדי נישט גורם צו זיין קיין צער פאר א יונגער בחור!**

[פרטית, ב' אלול תשע"ג]

## על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל מייער
נלבע י"ג אלול תשפ"ב תנ.צ.ב.ה.

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו
הרב יהודה בן שרה שיינדל
והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל
וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רוזה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנ.צ.ב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173